בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

## מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס נ"ד, פרשת יתרו תש"פ

# תוכן השיעור


ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים
ועתה אל תתלוצצו
ראיית פני הצדיק...
ס'זאל זיך דורכווארפן א 'מיצל'
אל תתהדר לפני מלך
קוקט אריין אין שולחן ערוך...
חבש כובע ישועה בראשו...
חכמת התמימות והפשיטות
אשפוך לפניו שיחי
מאן דאיהו זעיר איהו רב
הדיבור יש לו כח גדול
טאמער האסטו התבודדות בין איך דיר מקנא...
תפלה בבחינת 'בית'
ובעינן לנחותי לאוקורי נפשין...
'אהלך באמתך'
דער נייער וועג
הקול היוצא מבר דעת...


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 54**


©
כל הזכויות שמורות


**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**


יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$ עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# חודש תשרי שנת תשל"ה

(טייפ מס' 54#)

## ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים

(חסרה ההתחלה) - - - אויף יעדע ווארט וואס ס'איז ארויסגעגאנגען פונעם רבי'ן, פלעגט ר' אברהם ר' נחמן'ס זאגן: **"אז דער דיבור איז שוין ארויסגעגאנגען מפיו הקדוש, דארף מען האבן דעם דיבור 'איצטער', און מען וועט אים דארפן האבן 'לעתיד', און מען וועט אים דארפן האבן 'אחר התחיה' אויכעט"!**[א]

אזוי האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט! "יעדער דיבור וואס ס'איז ארוים מפיו הקדוש!".

מיר האבן גערעדט דא פריער פון 'דרך ארץ', איצטער רעדט מען דער ענין פון 'דערווייטערן זיך פון ווערטלעך', אז דער רבי האט אזוי פיל מקפיד געווען אויף ווערטלעך!

איך האב געהערט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס, ס'איז געווען אמאל "ר' הערשעלע אסטראפאליער", די וועלט האט צוטוהן מיט אים (מספרים הרבה ממנו), ס'איז דא ווערטלעך פון אים, גאנצע ביכלעך איז דא פון אים.

אבער דער אמת איז נישט אזוי, ער איז געווען א גדול, א צדיק, און ער איז געווען א חסיד ביי ר' ברוך'לען, דעם רבי'נס פעטער, נאר זיין זאך איז געווען 'זאגן

[א] עי' עלים לתרופה - מכתב קע"ג: וּצְרִיכִין לִקְבֹּעַ תּוֹרָתוֹ וְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים בַּלֵּב כָּל כָּךְ, עַד אֲשֶׁר אֲפִלּוּ אַחַר מֵאָה שָׁנִים כְּשֶׁיַּגִּיעַ הָעֵת לִכְנֹס בַּקֶּבֶר וְלִשְׁכַּב שָׁם, גַּם שָׁם יְחַיֶּה אֶת עַצְמוֹ בְּדִבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים, וְכֵן לְעֵת הַתְּחִיָּה וְלָנֶצַח, וּלְקַיֵּם "בְּהִתְהַלֶּכְךָ" בָּעוֹלָם הַזֶּה "תַּנְחֶה אוֹתְךָ, בְּשָׁכְבְּךָ בַּקֶּבֶר תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ, וַהֲקִיצוֹתָ" וְכוּ'. ועי' שיחות הר"ן אות קפ"ה: וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, כָּל הַנְהָגָה וְהַנְהָגָה שֶׁאֲנִי מְצַוֶּה לַעֲשׂוֹת הוּא סְגֻלָּה, וְתִקּוּן, וּמוֹעִיל עַל מַה שֶּׁעָבַר, וְעַל הֶעָתִיד, וּלְאַחַר הַהִסְתַּלְּקוּת שֶׁל הָאָדָם, וְלִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, וְלִתְחִיַּת הַמֵּתִים, וְלֶעָתִיד לָבוֹא.

ווערטלעך! ער פלעגט זאגן כסדר 'ווערטלעך',ביים טיש האט ער געזאגט 'ווערטלעך' און אלע האבן געלאכט.[ב]

און ער איז געקומען אמאל צום רבי'ן אויף א שבת קיין 'ברסלב' - דער ר' הערשעלע, האט דער רבי געזאגט זיינע מענטשן: **"ער וועט דאך זאגן ווערטלעך, אזוי ווי זיין שטייגער איז, זאלט איר נישט לאכן"!**

וכך הוה, ער האט געזאגט ווערטלעך, און די מענטשן האבן נישט געלאכט, האט ער געהאט דערפון חלישות הדעת, האט דער רבי געמאכט אזוי ווי א שמייכל - דער רבי אליין האט געמאכט אזוי ווי א שמייכל - אבער דעם רבי'נס מענטשן האבן נישט געלאכט!

❖

דער ענין פון א 'ווערטל', ס'קען זיין אמאל א ווערטל, וואס מען קען אמאל אפרעדן א שמועס אין אידישקייט - און מיט 'איין ווערטל' קען מען אלצדינג צוקלאפן! קען מען אינגאנצן צוקלאפן דאס!

איינמאל זאגט דער רבי אז דאס איז דער 'פתח הטומאה'![ג] ווידער זאגט דער רבי אז ס'איז 'תחילתן יסורין וסופן כליה'![ד]

א מדרש איז דא - ס'שטייט "ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים" - דער אויבערשטער האט נישט געפירט די אידן דורך 'פלשתים', זאגט דער מדרש, ווייל די פלשתים זענען געווען 'לצים' - זיי פלעגן זאגן ווערטלעך![ה]

---

[ב] עי' ליקוטי הלכות הל' נפילת אפים ד' אות ה': ...וְזֶהוּ הָעִנְיָן מַה שֶּׁהָיוּ נוֹהֲגִין כָּל הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ שֶׁעַל-פִּי רֹב הָיָה לָהֶם אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ כְּמוֹ בַּדְחָנִים, וְהָיוּ עוֹשִׂים לְפָנִים כָּל מִינֵי צְחוֹק וּשְׁטוּת כַּמְפֻרְסָם וְהַכֹּל בִּשְׁבִיל שִׂמְחָה...

[ג] עי' ליקוטי עצות המשולש - אוצר היראה, ערך ליצנות ולשון הרע בסופו: אָמַר הַמַּעְתִּיק: שָׁמַעְתִּי מִשֵּׁם בַּעַל הַמְחַבֵּר סֵפֶר 'לִקּוּטֵי-הֲלָכוֹת' זַ"ל שֶׁאָמַר בְּעַל-פֶּה, שֶׁעִקַּר הַטֻּמְאָה וּפֶתַח הַטֻּמְאָה הוּא לֵיצָנוּת, וְאַסְמַכְתָּהּ אַדִּבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל שֶׁאָמְרוּ (יומא ל"ח ע"ב): הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר: "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ" וְכוּ', הַשֵּׁם יַצִּילֵנוּ.

[ד] ספר המדות, ערך ליצנות אות י'. ועי' גמ' עבו"ז דף י"ח ע"ב.

[ה] עפ"י גמ' עבו"ז דף י"ט ע"א, עי' בספר ילקוט מנחם פרשת בשלח עה"פ "ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים".

די פלשתים האבן געזאגט ווערטלעך, האט דער אויבערשטער מורא געהאט אז די אלע ניסים פון מצרים וועלן זיי צעווארפן מיט די ווערטלעך, מיט לצנות וועט מען אלצדינג צעווארפן! האט דער אויבערשטער געזאגט, מען זאל זיי נישט פירן דורך 'ארץ פלשתים'! - אזא מדרש איז דא.

זיי זענען געווען פול מיט לצנות, גויים פול מיט ווערטלעך, האט דער אויבערשטער זיי נישט געפירט דורך 'ארץ פלשתים', ווארום זיי וועלן זאגן ווערטלעך, און די גאנצע 'יציאת מצרים' צו גארנישט מאכן!

❖

# ועתה אל תתלוצצו

(השואל: אז דער רבי האט געזאגט די 'דריי תנאים' אויף ווערטלעך, איז פשט אז ס'איז נישט שייך צו זאגן בכלל ווערטלעך?) **אוודאי איז נישטא, אוודאי! ווי קען דאס זיין?!**

**אז דער רבי האט געזאגט: "איר קענט זאגן א ווערטל, נאר עס זאל אין זיך האבן דריי תנאים, עס זאל נישט זיין קיין ניבול פה, און ער זאל נישט קיין הנאה האבן דערפון,[1] און מען זאל יענעם נישט וועלן טרעפן - און היינט זאגט ווערטלעך!!".**

**אז דער רבי האט געזאגט - 'און היינט זאגט ווערטלעך', איז דער פשט - אז ס'קען** (כמעט) **גארנישט זיין קיין ווערטל!**

(השואל: איז 'מלתא דשטותא' שייך נאר מיט תנועות?) **דער ענין פון 'מלתא דשטותא', ער מיינט דאך א 'מלתא דבדיחותא', ס'איז דא אסאך וואס זאגן ווערטלעך, און זאגן "דער רבי האט געהייסן א מלתא דבדיחותא".**

**ווער ס'האט נישט געזעהן פון אונזערע לייט, האט ער נישט געזעהן וואס פאר א חן ס'האט געהאט דער 'מלתא דבדיחותא'! ס'האט געהאט א 'חן' האט דאס געהאט!**

---

[1] כל מילי דבדיחותא מוכרחים לשלשה תנאים: א' - שלא יהיה בזה ניבול פה, ב' - שהמספר לא יכוון לכבוד עצמו, ג' - לבלי להתכוון לפגוע בכבוד הזולת. (שיש"ק).

❖

ס'איז געווען גרויסע עובדים - "ר' אפרים ר' נפתלי'ס", ער האט געדינט דעם אויבערשטן פון צוועלף ביז צוועלף אן א הפסק! ביינאכט פון צוועלף ביז צוועלף (חצות היום), צוועלף שעה געדינט דעם אויבערשטן!

אזוי איז ער דאך געווען אין 'ארץ ישראל' אסאך יארן, פלעגט ער קומען קיין אומאן אויף 'ראש השנה', און פלעגט זיין אין אומאן 'ראש השנה', און סוכות האט ער שוין געהאלטן אין טשעהרין, ער האט געהאט א טאכטער אין טשעהרין, און נאך סוכות איז ער אוועקגעפארן צוריק קיין ארץ ישראל.

אמאל איז ער פארשלאַפט געווארן, אז ער איז געבליבן שלאָף האט ער נישט געקענט אוועקפארן, ער איז געווען דארטן (בחוץ לארץ), דערווייל איז געווארן קאלט, ער איז געקומען צופארן מיט דער זומערדיגע הלבשה פון ארץ ישראל, און ס'איז געווארן גוט קאלט, האט ער געמוזט בלייבן אויפ'ן גאנצן ווינטער, איז ער געבליבן און אומאן ביי ר' נחמן טולטשינער דעם גאנצן ווינטער.

נו, אין אומאן איז געווען אזוי, אין די צייטן פון ר' נחמן טולטשינער איז נישט געווען אזוי שכיח קיין מענטשן ביי אונז אין קלויז, נאר אויף ראש השנה! אזוי - איז געווען דארטן א קליין קלייזעלע אין דער זייט, דארט האט מען געדאוונט, אינעם גרויסן קלויז האט מען נישט געדאוונט, ס'איז נישט געווען קיין פארקער.

ווען ער איז געווען דארט, איז ער געווען - האט ער געדאוונט אינעם גרויסן קלויז, געדינט דעם אויבערשטן א גאנצע נאכט, פון צוועלף ביז צוועלף! א געוואלד וואס ער האט אפגעארבעט!

און נאכדעם ווייטער איז זיין 'שמחה' געווען געוואלדיג, די שמחה זיינע - אזא מין פרייליכער מענטש וואס ער איז געווען - דער ר' אפרים, ס'איז געווען געוואלדיג!

און די שכנים פלעגן זאגן פאר ר' נחמן טולטשינער: "ווער איז דאס דער איד? א האלבן טאג וויינט ער, א האלבן טאג טאנצט ער, ווער איז דאס דער איד?!" האט ר' נחמן געזאגט אויף איהם: **"ביי דעם איד איז א האלבן טאג יום כיפור, און א האלבן טאג שמחת תורה!"**, אזוי האט ר' נחמן געזאגט אויף ר' אפרים'ען.

און דער ר' אפרים פלעגט אמאל מאכן א 'מלתא דבדיחותא'!

- אמאל איז נישט געווען קיין פריזשידער, היינט איז שוין דא א פריזשידער, אמאליגע יארן - דער עולם איז געקומען אויף ראש השנה דארטן, ר׳ נחמן טולטשינער האט צוגעגרייט אויף ראש השנה, האבן געהאט די פיש אביסל א ׳ריח׳, האט ער געזאגט (ר׳ אפרים) א ׳יהי רצון׳, ״יהי רצון שיסרחו שונאינו״, א מלתא דבדיחותא...

❖

## ראיית פני הצדיק...

מען פלעגט דאך פארן אויף ראש השנה, פלעגט פארן דער טשעהרינער רב, אוודאי, אלע צוזאמען, און מען האט אים געוואלט מכבד זיין, ׳דעם רב׳! האט ער געזאגט״ **״איך האב דעם ׳רב׳ איבערגעלאזט אין טשעהרין, איך האב אים נישט מיט גענומען מיט זיך!״.**

דאס איז ׳ווערטער׳, אז ער האט געזאגט - האט ער געזאגט, נישט סתם געזאגט!

איך בין מקורב געווארן תרע״ד, און ער איז נפטר געווארן תרנ״ד, צוואנציג יאר פון נאכן רב׳ס הסתלקות, איך בין געווען אין טשעהרין און אלע מענטשן האבן אים געקענט נאך גוט, אויך אין אומאן, אלע האבן אים געקענט.

האב איך געהערט פון די אידן, ער איז געשטאנען, ראש השנה מיט דעם פנים צו די וואנט דעם גאנצן דאווענען, ער האט זיך נישט אויסגעדרייט צום עולם! אז ער האט זיך אויסגעדרייט, האט דאס פנים געברענט אזוי ווי א פייער, פארגאסן מיט טרערן, געברענט אזוי ווי פייער, אבער אזוי - נאר געווען דער פנים צו דער וואנט.

ערב ראש השנה פאר מנחה, פלעגט ער ארומגיין אין שול, און יעדן איינעם פון אונזערע לייט אנקוקן! ער פלעגט זאגן: **״דאס איז ראיית פני הצדיק״!**[ז]

---

[ז] עי׳ ליקוטי מוהר״ן תו׳ ד׳, ועי׳ פרפראות לחכמה שם אות כ״ד: התיקונים שנעשין על ידי הסתכלות פני הצדיק עיין בסי׳ קצ״ב שבכל ספר וספר נמצא דמות דיוקנו ואור פניו של זה הצדיק והחכם שחידש אלו הדיבורים שבזה הספר ועיין בסימן קנ״ג מבואר שם שהתלמיד כשזוכה הוא מקבל אור הפנים של הרב ממש וכו׳ ועיין סימן ר״ל.

מען האט געוואוסט אז דער רב גייט ארום פאר מנחה, דרייט זיך ארום אין שול, און יעדן איינעם האט ער אנגעקוקט!

מיר רעדן דא פון 'צדיקים', פון 'צדיקים', זיי זענען נישט געווען קיין 'מפורסמים', נאר 'צדיקים'!

❖

# ס'זאל זיך דורכווארפן א 'מיצל'

דאס חסידות פונעם רבי'ן איז געווען מלובש מיט א געוואלדיגן 'דרך ארץ', מיט א געוואלדיגן 'דרך ארץ'! אזוי האט עס געקלאפט אלע יארן, אלע יארן, מיט א געוואלדיגן 'דרך ארץ'!

עס איז געווען אמאל וואס דער רבי האט אמאל זיך געזאמט א צייט פאר'ן ארייגיין דארטן צום עולם,[ח] האט ער א זאג געגעבן נאכדעם: "**איך האב זיך אויסגעקוקט אויף מיינע לייט, האב איך געזעהן אז זיי וועלן זיין ארימעלייט, האב איך גע'פועל'ט ביים אויבערשטן, ס'זאל זיך דורכווארפן א 'מיצל'!**".

א 'מיצל' הייסט אין אוקריינע א 'פארמעגליכער', אן עושר רופט מען א 'מיצל', "האב איך גע'פועל'ט ביים אויבערשטן ס'זאל זיך דורכווארפן א 'מיצל'!", ס'זאל זיין איינער א 'עושר' אויך!

אבער דער המון עם איז דאך געווען ארימעלייט, עניים ואביונים, אבער דער 'דרך ארץ' איז געווען געוואלדיג גרויס! געוואלדיג גרויס דער 'דרך ארץ'!

❖

# אל תתהדר לפני מלך

איך געדענק, ר' מיכל'ע (נכד מוהרנ"ת) געווען א איד א צדיק, און זיין 'ביטול'! ס'איז געווען ראש השנה ביי די תקיעות, אפילו די קריאת התורה, האט ער זיך צוגעבויגן ער זאל הערן בעסער, טאמער מען האט אים געוואלט עפעס אזוי (לחלוק לו איזה כבוד),

[ח] עי' שיש"ק [הנדמ"ח] ח"ב אות שכ"ד.

ווער? וואס?! אזוי ווי פון 'פייער' אנטלאפן! ער האט מורא געהאט פאר עפעס א ישות, א כבוד! א 'גארנישט'!

ס'איז דא טאקע אין די תורה פון ט' תיקונים,[ט] א ראש השנה'דיגע תורה, זאגט דער רבי, "אל תתהדר לפני מלך" - ראש השנה דארף מען זעהן מען זאל זיך נישט אנזעהן![י] **"דלא אתחזיא, כי צריך להקטין את עצמו, ולא יתלה בזכותו, בבחינת 'אל תתהדר לפני מלך'!"**.

זאגט דער רבי "דלא אתחזיא", א איד גייט אריין אין עבודה, א עבודה, א ראש השנה, "זאלסט זיך נישט אנזעהן!".

מען האט זיך פארבאהאלטן אין אלע מיני זאכענישן אז מען זאל זיך דעם טאג נישט אנזעהן! "אל תתהדר לפני מלך", 'כלים' 'כלים', נאר וואו מען האט געקענט האט מען זיך פארבאהאלטן, מען האט זיך דערשראקן טאמער וועט מען זאגן עפעס א ווארט! היינט ראש השנה, 'דלא אתחזיין' - זאגט דער רבי, מען זאל זיך נישט אנזעהן!

די אמונה איז געווען אינעם רבי'ן געוואלדיג גרויס, די אמונה איז געווען געוואלדיג גרויס אינעם רבי'ן, און יעדעס ווארט פונעם רבי'ן האט געמאכט א געוואלדיגן רושם אינעם מענטשן!

❖

# קוקט אריין אין שולחן ערוך...

ביי ר' געצע'ן איז געווען אמאל א 'ברית' אום ראש השנה, איך האב שוין אים נישט דערכאפט, איידער איך בין געקומען איז געווען דער ברית, ראש השנה איז געווען א ברית, נו ר' געצע האט געוואלט אוודאי דער ברית זאל זיין אין שול, און אזוי ווי עס שטייט אין שלחן ערוך, פאר די תקיעות![יא]

---

[ט] ליקוטי מוהר"ן תו' כ' אות י': תִּקּוּנָא תְּלִיתָאָה, אִשְׁתְּכַח מִתְּחוֹת תְּרֵין נֻקְבִּין אָרְחָא מַלְיָא דְּלָא אִתְחַזְיָא ... כִּי צָרִיךְ לְהַקְטִין אֶת עַצְמוֹ, וְלֹא יִתְלֶה בִּזְכוּתוֹ כַּנַּ"ל, בִּבְחִינַת: "אַל תִּתְהַדַּר לִפְנֵי מֶלֶךְ".

[י] רלוי"צ שמעה בשם ר' מיכל'ע נכד מוהרנ"ת ז"ל, עי' שיש"ק [הנדמ"ח] ח"ב אות תשט"ו.

[יא] עי' שולחן ערוך סי' תקפ"ד סעיף ד'.

אבער ס'איז געווען 'גבירים', זיי האבן געזאגט: "אויפהאלטן דעם עולם? - נאכ'ן דאווענען, ווער ס'וועט וועלן וועט זיין אויף דעם ברית!", גבירים!

איז געבליבן מען זאל פרעגן ר' אברהם ר' נחמן'ס וואס ער וועט זאגן, ר' אברהם ר' נחמן'ס איז אריינגעקומען, זאגט ער: "וואס פרעגט איר מיך? זעהט דעם שלחן ערוך, וואס דער שלחן ערוך הייסט - טוהט!", ער האט נישט געוואלט ענטפערן!

מען האט דאך עפעס אזוי געציטערט, ער האט דאך געוואוסט אז מען פרעגט אים, מאכט מען דאך אים פאר אן 'איינעם', ער וועט זיין דער 'פוסק'?! "וואס דארפט איר מיר פרעגן? זעהט דעם שלחן ערוך!".

מען האט ממש געזעהן ביי זיי, אזוי ווי איינער האט מורא פאר'ן 'גיהנם', אזוי האט מען געציטערט פאר כבוד!

מען האט אזוי מורא געהאט פאר 'ישות', פאר 'כבוד', אז מען האט זיך פארבאהאלטן מיט אלע מיני עצות, מיט אלע מיני זאכענישן, מען זאל זיך נישט אנזעהן.

❖

## חבש כובע ישועה בראשו...

רבי נתן איז געשטאנען (ראש השנה בקלויז) אויף זיין 'שטאט' (מקום מושבו), און ר' נתן האט געהאט דעם רבי'נס שטריימל, דער רבי איז געגאנגען מיט א שטריימל, ר' נתן האט געהאט דעם רבי'נס שטריימל, ער האט עס קיינמאל נישט אנגעטוהן! נאר ער האט אים געהאלטן אזוי דא אויפ'ן ביזעם!

דער שטריימל איז נישט געווען אזוי ווי היינטיגע שטריימלאך, ס'איז געווען דארטן עפעס שמעלער געווען, איז ראש השנה האט ער געהאלטן דעם שטריימל אין ביזעם, און אזוי האט ער געדאוונט מיטן רבי'נס 'שטריימל'!

איז געווען אמאל א ראש השנה וואס ס'איז געווען אזא מין התנגדות, זיי האבן געהאקט שטיינער, אזוי געווארפן, אז מען האט געמוזט פארמאכן די לאדנס, די

לאדנס האט מען געמוזט פארמאכן אינעווייניג, און מען האט אנגעצונדן 'לאמפן' - אינמיטן טאג! לאמפן פון נעפט, בייטאג!

אזוי איז געווען אינדרויסן, ס'איז געווען ארומגענומען די שול מיט שטיינער, מיט שטעקענעס, א געוואלד איז געווען!

מען האט אפגעדאווענט, און דער עולם גייט נישט! קיינער גייט נישט ארויס, מען ווארט! (שאל מוהרנ"ת:) פארוואס? פארוואס גייט מען נישט? זאגט מען: מען קען נישט ארויסגיין, ס'איז א 'חושך' אינדערויסן, מען קען נישט ארויסגיין!

האט ר' נתן ארויסגענומען דעם רבי'נס שטריימל, ער האט אנגעטוהן דעם רבי'נס שטריימל, ער איז ארויס געגאנגען פריער, און אלע זענען צולאפן זיך! נאכדעם איז שוין די גאנצע עולם ארויס.

דעמאלט האט ער אנגעטוהן דעם רבי'נס שטריימל!

❖

## חכמת התמימות והפשיטות

מען דארף אסאך בעטן דעם אויבערשטן, א מענטש דארף דאך מרבה זיין בתורה ותפילה און היטן די צייט, דארף מען אויך אסאך בעטן דעם אויבערשטן, "דלא אתחזיין", מען זאל זיך נישט אנזעהן!

זיי האבן באזונדערע 'תפילות' געהאט כסדר דערויף (גדולי אנ"ש), זיי האבן געהאט דערויף 'שעורים קבועים', מיט אלע מיני עצות, אז מען זאל זיך נישט אנזעהן!

אן אנדערער טוהט פעולות ער זאל זיך יא אנזעהן...

מען האט געהאט אלע מיני עצות, מיט אלע מיני ערמות, צו פארבאהאלטן זיך, באופן מען זאל זיך נישט אנזעהן![יב]

---

[יב] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, ראשי פרקים מן האותות והמופתים שנראו מאדמו"ר ז"ל בהקדמה: כִּי כְּפִי אֲשֶׁר תְּהִלָּה לָאֵל כָּל יָמַי גָּדַלְתִּי בֵּין הַחֲכָמִים בְּחָכְמַת הַתְּמִימוּת וְהַפְּשִׁיטוּת, וְהֵן הֵמָּה אַנְשֵׁי מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל אֲשֶׁר הִפְקִירוּ אֶת כְּבוֹדָם בְּכָל מִינֵי הֶפְקֵרוּת בַּעֲבוּר הָאֱמֶת...

אז מען איז אוועקגעפארן נאך ראש השנה - און מען האט זיך גארנישט אנגעזעהן איז געווען א 'געווינס', אזוי ווי מען האט איינגענומען א מלחמה! "ער איז געווען ראש השנה און מען האט גארנישט געוואוסט פון אים"![יג]

❖

ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען אין 'ראדזין', דעמאלט איז געווען "ר' גרשון העניך" דער "בעל התכלת", ער איז געווען א גאון אין דער וועלט, ס'האט גע'שם'ט אין די וועלט זיין גאונות.

ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען דארט, ר' גרשון העניך האט מיט אים גערעדט, און ער האט געזעהן ווער ער איז, ער האט געזעהן זיין 'גאונות' און זיין 'צדקות', און ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געגאנגען פראסט (לבוש בבגדים פשוטים), א פראסט היטל, האט ער א זאג געגעבן צו זיינע חברה דארטן: "מאכט אים 'בגדי משי'"!

ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געוואויר געווארן אז מען האט אים געמאכט בגדי משי, איז ער אנטלאפן ביינאכט! ער האט זיך נישט מיט אים אפילו געזעגנט זיך, אוועק פון ראדזין!

ס'איז געווען עפעס אזא מין געוואלד, מ'האט געציטערט דערפאר, 'בגדי משי'?!

❖

# אשפוך לפניו שיחי

מיר האבן נאר 'איין זאך', די עצה פון רעדן פאר'ן אויבערשטן דיבורים! דאס איז עפעס אזא מין עצה, דאס קען דערלאנגען אומעטום, דאס קען אומעטום העלפן![יד]

---

[יג] עי' ליקוטי הלכות הל' ערלה ה' אות ז': ... וְכָל מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב יוֹתֵר לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת כְּמוֹ כֵן מַרְגִּישׁ שִׁפְלוּתוֹ יוֹתֵר, כִּי עִקַּר בִּטּוּל הַגַּאֲוָה הוּא עַל-יְדֵי הַצַּדִּיק שֶׁזָּכָה לִבְחִינַת מָה בֶּאֱמֶת כַּנַּ"ל, וּכְמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר (בְּהַתּוֹרָה וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים לִקּוּטֵי א סִימָן י' וְכוּ'). ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' קל"ה.

[יד] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"א: כִּי עִקַּר כְּלָל וְשֹׁרֶשׁ וִיסוֹד שֶׁל כָּל הָעֵצוֹת לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק אֲמִירַת תְּהִלִּים וּשְׁאָרֵי תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וְהִתְבּוֹדְדוּת, לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, לְבַקֵּשׁ מִלְּפָנָיו שֶׁיְּקָרְבֵהוּ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ ... כִּי אַף-עַל-פִּי שֶׁנִּמְצָאִים כַּמָּה עֵצוֹת טוֹבוֹת בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ ז"ל,

נאר וואס דען? מען דארף דערין אויך האבן א שטיקעלע 'פירוש' אין דעם ענין פון התבודדות, דער עיקר התבודדות איז דער פשט: אלצדינג דערציילן השי"ת! אשפוך לפניו שיחי! אלעם אויסרעדן פאר השי"ת, "ווי אזוי האב איך היינט געדאווענט", "ווי אזוי האב איך היינט געגעסן", האב איך געהאט א בלבול אינמיטן דאווענען - אלעם דערציילן אזוי ווי פאר אן אמת'ן גוטן פריינד,[טו] דאס איז דער אמת'ער התבודדות! אשפוך לפניו שיחי, אלעם דערציילן פאר אים!

א מענטש וואס ער האט נישט קיין דיבורים - פארוואס? ווייל ביי אים איז עפעס די התבודדות עפעס א מין 'אויסגעלערנטע זאך', און ס'גייט שוין ביי אים אלע טאג 'איין זאך', האט ער נישט קיין נייעס, האט ער נישט קיין התחדשות אין דעם!

דער עיקר התבודדות איז אז מען זאל טאקע ממש דערציילן פאר השי"ת 'כל שיחו', 'אשפוך לפניו שיחי', וואס אויף א מענטש גייט אריבער א טאג, דעמאלט וועט ער שוין זעהן אז ער האט נישט קיין צייט, ס'וועט אים גאר פעלן די צייט!

אלעם דערציילן השי"ת, דאס איז דער ריכטיגער התבודדות! - דער רבי זאגט אז ס'איז דא א 'התבודדות שאינו כראוי',[טז] דאס איז דער ריכטיגער 'התבודדות כראוי'.

אלצדינג דערציילן פאר השי"ת, דאס וואס פאר א מענטשן קען איך עס נישט רעדן, פאר א מענטשן טאר איך עס נישט רעדן, אזוי ווי די גמרא זאגט אז ער איז א 'חצוף', אויסרעדן פאר א מענטשן זיינע עוולות וואס ער האט אין זיך - איז א 'חוצפה' גאר,[יז] אבער פאר השי"ת זאל איך אלעם דערציילן!

ממילא אז ער וועט זיך פירן מיט די הנהגה, וועט זיין די זאך ביי אים ניי, ס'וועט זיין ביי אים פריש! און ער וועט האבן אלעמאל 'נייע דיבורים' אויך, ווייל ער האט

---

שֶׁהֵם מְלֵאִים עֵצוֹת לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַף־עַל־פִּי־כֵן עַל־פִּי־רֹב קָשֶׁה לְהָאָדָם לְקַיֵּם הָעֵצָה בְּעַצְמָהּ, עַל־כֵּן הָעִקָּר הוּא תְּפִלּוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת...

[טו] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ד'.

[טז] עי' ספר המדות - ערך כעס אות ל"ה.

[יז] עי' ברכות דף ל"ד ע"ב.

**דאך יעדן טאג אנדערע איבערגייעכטסער, האט ער וואס צו רעדן! האט ער וואס צו רעדן!**[יח]

(כאן חסר קצת)

❖

# מאן דאיהו זעיר איהו רב

**אז איינער הארעוועט זעכציג יאר אויף 'לערנען', וואקסט ער אויס א גאון! אז מען הארעוועט זעכציג יאר אויף 'שפלות', וואקסט ער אויס א עניו, א גארנישט! יעדע זאך איז אזוי.**

**ר' אברהם ר' נחמן'ס - ווער ס'האט אים געקענט - איז ער געוואלדיג געוועזן! די חכמה וואס ער האט געהאט אין די שפלות, אין די עניות, איז געוועזן געוואלדיג! אזוי אויסגעארבעט דערויף, ממש גארנישט, גארנישט!**

**מענטשן וואס זענען געוועזן פון אים ווייט** (האבן גוזאגט)**: "איך האב אים געקענט, ער פלעגט טרינקען הייסע טיי"! הייסע טיי מיט הארטע ברויט, ער האט געהאט דארטן חולי מעיים, ער האט נישט געטארט עסן קיין ווייכע ברויט, האט ער גענומען הייסע טיי און הארטע ברויט איינגעטונקען, "איך האב אים געקענט, ער האט געטרונקען הייסע טיי מיט הארטע ברויט"! שוין, דאס האט ער אים געקענט!**

**און דאס איז געוועזן ביי אים א געוואלדיגער געווינס, ער זאל קענען זיך מעלים זיין!**

**אזוי איז געוועזן דא אין ארץ ישראל, איך הער פון די מענטשן דא, אזא העלמה געוועזן, ער איז געוועזן 'א שמש', געטראגן בענק אויפן אקסל, מ'האט אים אנגעווארפן מיט בענק, מער ווי זיינע כוחות, נאך א באנק און נאך א באנק!**

---

[יח] עי' ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה' אות ט"ו: **וְזֶה בְּחִינַת סֻכָּה, צֵא מִדִּירַת קֶבַע וְשֵׁב בְּדִירַת אֲרַעִי, בְּחִינַת אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים. וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל, זֶה שֶׁיּוֹדֵעַ לְחַדֵּשׁ בָּהּ דָּבָר. וְזֶה זוֹכִין דַּיְקָא כְּשֶׁעוֹשִׂין מִתּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת שֶׁאָז זוֹכִין בְּוַדַּאי לְחַדֵּשׁ דָּבָר בִּתְפִלָּתוֹ בְּכָל פַּעַם...** ועי' עלים לתרופה - מכתב קנ"ז: **שֶׁזֶּה בְּחִינַת סֻכָּה חֲדָשָׁה, שֶׁצְּרִיכָה הַסֻּכָּה לִהְיוֹת חֲדָשָׁה דַּיְקָא, כִּי סֻכָּה יְשָׁנָה יֵשׁ פּוֹסְלִים וְזֶה בְּחִינַת תְּפִלָּה חֲדָשָׁה...**

און ער פלעגט אין אלע שולן פארבאהאלטן זיך, זיי האבן גארנישט געוואוסט פון אים דא, דאס איז אינגאנצן געווען - (זיין חיות צו זיין באהאלטן).

דער רבי זאגט דאך טאקע אזוי, דער רבי איז געווען אין איסטאנבול, מיט 'קטנות' זיך פארבאהאלטן,[יט] האט דער רבי געזאגט: "ארץ ישראל איז 'גדלות דגדלות', דארף מען האבן פריער 'קטנות דקטנות'!".[כ]

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט עס געוואוסט גוט - אז זוכה זיין נכלל צו ווערן בקדושת ארץ ישראל מוז מען האבן אין זיך א געוואלדיגע קטנות, דורך די 'קטנות' פונעם מענטש קען מען זוכה זיין צו די 'גדלות' פון ארץ ישראל!

אז ער פלעגט רעדן פון 'ארץ ישראל' - ר' אברהם ר' נחמן'ס, האט ער אזוי געברענט, אזוי געפלאמט! ס'האט זיך אין אים אנגעצונדן א 'פייער' ממש, ס'האט געברענט פון ארץ ישראל![כא]

פלעגן זיי זאגן (אנ"ש מארה"ק), אז דא ווייטער אין ארץ ישראל - אז ער האט גערעדט פונעם רבי'ן האט ער אויך אזוי געברענט!

ביי אים איז מקויים געווארן ביידע זאכן: אז ער איז געקומען קיין 'ארץ ישראל' האט ער געברענט צום רבי'ן אזוי ווי א פייער – אז ער איז געקומען צום 'רבי'ן' האט ער געברענט קיין ארץ ישראל!

דער רבי זאגט אז די ביידע זאכן זענען גאר איין זאך - 'ארץ ישראל' מיט'ן 'צדיק' איז גאר איין זאך, איינס איז מעורר דאס אנדערע![כב]

ער איז געווען אן "ארץ ישראל'דיגער איד", און ער איז געווען "דעם רבי'נס א מענטש"!

---

[יט] עי' שבחי הר"ן - סיפור נסיעתו לארץ ישראל אות י'-י"ד.

[כ] עי' חיי מוהר"ן אות קל"ט-ק"מ.

[כא] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קנ"ה.

[כב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' מ', ועי' עלים לתרופה - מכתבי רבי נחמן טולטשינער, מכתב ה': "אַשְׁרֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם יוֹשְׁבִים בְּצֵל אַרְעָא קַדִּישָׁא, וּמִסְתָמָא מִשְׁתּוֹקְקִים וּמִתְגַּעְגְּעִים לְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא, אֲשֶׁר חָפַר וּמָצָא שֹׁרֶשׁ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כַּמְרֻמָּז בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים וְהַנְּעִימִים. וְאַשְׁרֵינוּ שֶׁאֲנַחְנוּ זוֹכִים לְהִתְאַבֵּק בְּפֹה בַּעֲפַר צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא, אֲשֶׁר חָפַר וּמָצָא שֹׁרֶשׁ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וּמִשְׁתּוֹקְקִים וּמִתְגַּעְגְּעִים לְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר אַדְמַת קֹדֶשׁ אֶרֶץ הַקֹּדֶשׁ".

עס שטייט טאקע אנגעשריבן אויף די מצבה: "פה נטמן ר' אברהם ב"ר נחמן הלוי מארץ ישראל"! מען האט אים גערופן: "אברהם פון ארץ ישראל"!

❖

א איד א צדיק, ער האט אזוי פיל אין דעם עולם, און גייט אוועק פון דאנעט מיט אזא מין עניוות, מיט אזא מין שפלות, איז דאך דארטן אזוי גרויס! איז דאך דארטן אזוי חשוב!

עס שטייט טאקע אין זוהר אין 'שלח לך',[כג] ביי די 'מתיבתא' דארטן, רבי שמעון איז געווען למעלה אין די מתיבתא, האט ער דארטן נאכגעזאגט פונעם ריש מתיבתא, ס'איז א גמרא, אבער אזוי איז אויך אין זוהר, "**מאן דאיהו זעיר איהו רב, ומאן דאיהו רב איהו זעיר**"!, "דער וואס ס'איז דא קליין איז ער דארטן גרויס! און דער וואס איז דא גרויס איז ער דארטן קליין!" ער האט נאכגעזאגט די מימרא.

מען ווייסט דאס, און ס'גלוסט זיך פארט צו פארנעמען א פלאץ דא אין דעם עולם...

❖

# הדיבור יש לו כח גדול

צוריק ווייטער - אונזער עצה איז נאר: רעדן פארן אויבערשטן דיבורים, דאס אלץ אויסרעדן פאר השם יתברך! יא, איך ווייס אלצדינג, און ס'קומט עפעס, וויל מען, און מען וויל, און מען וויל!

נאכאמאל און נאכאמאל אויסרעדן, און זיין אן 'עקשן' אין דיבורים, די דיבורים האבן א כח! דיבורים האבן א כח![כד]

א מענטש זאל גלויבן ביי זיך אז יעדע עוולה וואס ער האט אין זיך, איז נאר דערפאר ווייל ער האט נישט קיין 'התבודדות'!

---

[כג] דף קס"ח ע"ב.

[כד] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ו.

אזוי האט רבי נתן געזאגט: **"וואו איך זעה ערגעץ א 'חסרון' - אדער ער האט גארנישט געבעטן, אויב ער האט געבעטן האט ער געבעטן ווינציג!"**. "וואו איך זעה ערגעץ א חסרון" - ס'איז א געוואלדיגער לשון!

דארף א מענטש ביי זיך אזוי זאגן: איך האב דאך ערגעץ חסרונות, אדער איך בעט גארנישט אויף דער זאך, אדער איך בעט ווינציג! אויב איך זאל בעטן גענוג וועט דער חסרון נישט זיין!

❖

די 'מתנה' וואס מיר האבן פונעם רבי'ן! מען זאל פאלגן דעם רבי'ן מיט דער זאך - אין דער ענין פון 'התבודדות', וואלט יעדער איינער געווען על מקומו! ער וואלט געווען אויף זיין פלאץ וואו ער דארף זיין, אפילו דארטן אין זיין ערך, א קלענערער ערך, יעדער איינער וואלט געווען על מקומו!

ס'איז פארהאנען אמאל איינער אז ער איז נישט על מקומו, ווייל ער איז "עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס", און ס'איז פארהאנען אמאל אן אנדער סארט, יעדער איינער זאל זיין על מקומו - אפילו דער פראסטער מענטש, אז ער קען זיך - ער ווייסט ביי וואס ער האלט, איז אויך א מדריגה! ער ווייסט ביי וואס ער האלט, ער לויפט נישט העכער!

❖

"מקטן ועד גדול" - זאגט דער רבי,[כה] 'פון קליין ביז גרויס' קען מען נישט קומען צו זיין זאך, נאר דורך די עצה פון "רעדן צום אויבערשטן דיבורים"!

דאס איז דער אמת'ער גוטער פריינד אונזערער, דער אמת'ער גוטער פריינד, פאר אים קען איך מיך אויסרעדן אלעס!

פאר א מענטשן - אפילו איך האב א חבר - קען איך אויך נישט רעדן פאר אים בפרטיות, 'איך טאר נישט רעדן', פאר א חבר רעדט מען 'בכלל' דארטן, 'בכלל' ס'גייט איבער אויף א מענטשן, אבער 'בפרטיות' טאר מען פאר קיינעם נישט רעדן,

[כה] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק': סִפְּרוּ לִי שֶׁאָמַר, שֶׁמִּקָּטָן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי־אִם עַל־יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת.

נאר פאר השי"ת, פאר'ן אמת'ן צדיק - ווען ס'איז געווען 'וידוי דברים'![כו] אבער אזוי - קען מען נישט רעדן פאר קיינעם, נאר פאר'ן אויבערשטן!

❖

(השואל: דער רבי ר' אלימלך ברענגט אראפ א עצה גדולה אין 'צעטיל קטן' אז מען זאל ארויסרעדן פאר א חבר נאמן די מחשבות!?) פון רבי'ן קומט אוים, בשעת דער ר' יהודא אליעזר - דער וואס איז געפארן מיט ר' נתן'ען אויף ארץ ישראל, ער איז נאך געווען ביים רבי'ן פריער, בחיי רבינו, און דעמאלט ווען ער איז געווען ביים רבי'ן איז שוין ביים רבי'ן נישט געווען קיין 'וידוי דברים', האט אים דער רבי געזאגט: "אז ער זאל רעדן מיט רבי נתן'ען", האט דער רבי אים געזאגט: **"אבער דו זאלסט אים נישט דערציילן אלעס!".**[כז]

און למעשה איז געווען - רבי נתן האט נישט געוואלט הערן! 'דערציילן השי"ת'!

מ'פלעגט זאגן (אנ"ש): "ביים רבי'ן אויפ'ן ציון דארטן זאלסטו זיך אויסרעדן"![כח] מען האט נישט געוואלט הערן!

(כאן חסר קצת)

❖

# טאמער האסטו התבודדות בין איך דיר מקנא...

אזוי האט רבי נתן געזאגט צו זיין זוהן - צו ר' יצחק'ן, ער האט גערעדט א שמועס דארטן, אז יעדע זאך דארף מען בעטן דעם אויבערשטן, "אפילו אז מען גיבט צדקה דארף מען אויך האבן התבודדות", אזוי האט רבי נתן געזאגט!

און ר' יצחק פלעגט געבן צדקה ר' מרדכי'לען, ר' מרדכי'לע איז געווען אין טולטשין, "מרדכי לא יכרע ולא ישתחוה" - האט מען אים גערופן!

---

[כו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ד' אות ח'.

[כז] עי' כוכבי אור - שו"ס אות נ"ו.

[כח] עי' פרפראות לחכמה שם אות כ"ו: התיקונים שנעשין על ידי הוידוי לפני הצדיק, נעשה עכשיו גם כן על ידי שבאין על ציונו הקדוש ומרבין שם בתפלות ווידוים וכו', וזה מרומז בדבריו ז"ל במאמר זה בעצמו...

ס'איז געווען דארטן די התנגדות, דארטן איז דא א גרויסער 'עמוד' אינמיטן דער שטאט, הויך איז עס, און דארטן איז דער ארט פון אלע לצים, די אלע יושבי קרנות, און בשעת ס'איז געווען די גרויסע התנגדות, די מחלוקות איז דאך געווען א געוואלדיג, האבן זיי גענומען ר' מרדכי'לען און (הכריחו אותו) ער זאל צוגיין דארטן אויפ'ן עמוד, און דארטן וועט זיין די גאנצע שטאט, און רחמנא ליצלן - ער זאל שעלטן רבי נתן'ען! איז ער צוגעגאנגען, ער האט אפגעגעבן א געשריי: "**ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה**"! (עם הניגון של קריאת המגילה), און ער איז באלד אנטלאפן![כט] (גם כאן חסר קצת)

הכלל, ר' יצחק פלעגט געבן צדקה, פלעגט ער געבן צדקה נאר ר' מרדכי'ן, אז ער האט זיך געמאכט א מלבוש, האט ער געמאכט א מלבוש 'זיך' - און א מלבוש ר' מרדכי'לען, ער איז קיינמאל נישט געגאנגען קיין 'פוטער' (מעיל פרווה) - ר' יצחק, ווארום מאכן צוויי פוטערס האט ער נישט געקענט מאכן, און איינס האט ער נישט געוואלט מאכן!

אז ר' נתן האט גערעדט א שמועס אז אפילו אויף צדקה דארף מען אויך האבן התבודדות, האט זיך אנגערופן ר' יצחק: "טאטע, אז איך גיב צדקה ר' מרדכי'לען דארף איך איך האבן התבודדות פריער? (כי היה נדמה בעיניו שהגיע לתכלית אהבת החבר עם רבי מרדכי, ולא ראה לכאורה מקום להתבודד ולהתפלל על זה. ענה מוהרנ"ת ואמר לו:) "זאג איך נאכאמאל: **טאמער האסטו התבודדות, בין איך דיר מקנא, אז נישט בין איך דיר נישט מקנא!**".

(ואח"כ אכן נסתבב שנעשה פירוד ביניהם לאיזה זמן, נענה ר' יצחק ואמר:) "איך וואלט זיך מיט מרדכי'לען קיינמאל נישט צוקריגט, נאר כדי איך זאל זעהן אז וואס דער טאטע זאגט איז אמת!".[ל]

"דערפאר האב איך זיך צוקריגט מיט אים, איך זאל זעהן אז וואס דער טאטע זאגט איז אמת".

❖

[כט] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת קע"ג.

[ל] בההקלטה כאן לא נשמע ברור, והושלם עפ"י שיש"ק [הנדמ"ח] ח"ב אות תרס"ג.

דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער ז"ל) איז געווען אמאל זייער שטארק שלאַף, ער איז געווען אן ארעמאן, און איך בין אויך געווען א גרויסער ארעמאן, בין איך צוגעפארן צו ר' אייזיק'ן (ר' אייזיק מאומאן ז"ל), דער וואס האט אויסגעבויעט די קלויז דארטן, ער זאל געבן עפעס מיר געלט, "דער שווער איז אזוי קראנק".

האט ער מיר געגעבן א שיינע נתינה, האב איך א זאג געגעבן: "ר' אייזיק, אפשר איז עס ווינציג?!" אזוי האב איך אים געזאגט. זאגט ער מיר אזוי: "איך האב אלע טאג התבודדות, כ'האב התבודדות אויף צדקה אויך!", שוין, מער האב איך שוין נישט גערעדט! א איד זאגט אזעלכע ווערטער, "ער האט התבודדות אויף צדקה אויך", קען איך זיך מיט דער איד נישט דינגען!

נו, רבי נתן האט דאך אזוי געזאגט, "אפילו אויף צדקה דארף מען אויך האבן התבודדות"! האט ער געזאגט, ער האט התבודדות אויף צדקה אויך!

❖

# תפלה בבחינת 'בית'

מען רעדט, ס'איז געווען 'אונזערע לייט', זיי האבן געפאלגט דעם רבי'ן, זיי האבן געפאלגט.

דאס 'חשיבות', דעם 'נחת רוח' וואס דער אויבערשטער האט דערפון אז מען רעדט זיך אויס פאר אים יעדער זאך!

א פסוק איז דא אין תהלים:[לא] "**הוא יקראנו אבי אתה**", דער אויבערשטער זאגט אויף דוד המלך'ן: "ער האט מיך גערופן - 'דו ביסט מיין טאטע'!", אזוי איז דער אויבערשטער משבח דוד המלך'ן!

"אבי אתה"! אז יעדע זאך - איז 'א טאטע', א קינד האט א טאטן, דאס הייסט 'מיין טאטע'! אז יעדע זאך בעט איך דיך, יעדע זאך רעד איך צו דיר! - דאס זאגט דער אויבערשטער: "ער רופט מיך 'אבי אתה'!", "ער רופט מיך 'דו ביסט מיין טאטע'!".

❖

[לא] פ"ט ז'.

דער רבי זאגט אין די תורה י': "תפילה בבחינת בית",[לב] אז תפילה איז א 'בחינת הר, שדה' - דאס מיינט מען 'השגות', אז די תפלה איז 'בבחינת בית', איז אפילו גויים האבן אן השגה דערין!

א תפילה איז 'בבחינת בית' מיינט: יעדע זאך וואס איך דארף האבן - אזוי ווי א 'שטוב'! א מענטש קען זיין אן א שטוב? אזוי קען איך נישט אן קיין תפילה!

אז די תפילה איז 'בבחינת בית' - זאגט דער רבי - דעמאלט האבן אפילו די עכו"ם אויך א השגה!

**"כי ביתי בית תפילה"** - אז די תפלה איז בבחינת 'בית', איז **"יקרא לכל העמים"**.

(כאן חסר קצת)

❖

ר' נחמן טולטשינער האט אמאל צוגעקלאפט א טשוואק צו די וואנט, האט ער זיך געגעבן א קלאפ דער פינגער, האט זיך אנגערופן ר' נתן: **"פארוואס האסטו נישט געבעטן דעם אויבערשטן נאך איידער - ס'זאל נישט געבן א קלאפ אין פינגער?!"**.

וואס ליגט דא אין דעם ווארט? אז ממש 'אבי אתה', אויף יעדע זאך וואס איך טוה רירן זיך, אז איך גיי ארויס פון די שטוב - מיר זעהן דאך אז מען גייט ארויס פון שטוב און מען קען געבן א פאל אראפ, דארף מען בעטן דעם אויבערשטן, "איך זאל נישט פאלן", אזוי ווי א טאטע מיט א קינד! אויף יעדע זאך בעטן דעם אויבערשטן![לג]

---

[לב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י' אות ג': וּלְעַכּוּ"ם אִי אֶפְשָׁר לָהֶם לֵידַע גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, כִּי אִם עַל־יְדֵי בְּחִינַת יַעֲקֹב ... הַיְנוּ שֶׁיַּעֲקֹב קָרָא אֶת מְקוֹם הַבֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, שֶׁהוּא מְקוֹם הַתְּפִלָּה בַּיִת, שֶׁהוּא מְקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי־אָדָם, כִּי הֶעֱלָה אֶת הַתְּפִלָּה מֵהַר וְשָׂדֶה לִבְחִינַת בַּיִת, שֶׁיֵּשׁ בּוֹ תְּפִיסָה לִבְנֵי־אָדָם יוֹתֵר מֵהַר וְשָׂדֶה, כִּי בִּבְחִינַת בַּיִת יֵשׁ גַּם לְעַכּוּ"ם הַשָּׂגָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים"...

[לג] עי' שיחות הר"ן אות רל"ג: ...עַל הַכֹּל יַרְגִּיל עַצְמוֹ לְהִתְפַּלֵּל תָּמִיד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַל כָּל מַה שֶּׁיֶּחְסַר לוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁהָעִקָּר לְהִתְפַּלֵּל עַל הָעִקָּר, דְּהַיְנוּ עַל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, אַף עַל פִּי כֵן גַּם עַל זֶה צְרִיכִין לְהִתְפַּלֵּל...

דאס איז א "תפילה בבחינת בית", פון דעם ווערט מען טאקע נאנט צום אויבערשטן! ממילא אז מען איז נאנט צום אויבערשטן - איז מען שוין ווייט פון אלע שלעכטע מידות אויך, דער אויבערשטער איז דאך דער מקור האמת, אז מען איז נאנט צום אויבערשטן, איז מען שוין ווייט פון אנדערע זאכן!

❖

(כאן לא נשמע ברור) - דער 'חיים סטאלער', שבתי'ס שווער, ער איז געווען א פראסטער (איש פשוט מאנ"ש), האט געוואוינט דארטן איינער א 'טאלנער חסיד', פון די גרויסע חסידים, איך האב אים נאך פארכאפט אויך, האט ער אזוי געזאגט: "איך וואלט געווען א משונה'נער מתנגד אויף אייך, נאר 'חיים סטאלער'ס' טרערן וואס ער גיסט אוים ביינאכט, לאזן מיך נישט זיין קיין מתנגד!".

ער איז געווען בשכנות מיט אים, ער האט געזעהן ווי א איד האט געגאסן טרערן ביינאכט צום אויבערשטן, "חיים סטאלער'ס טרערן לאזן מיך נישט זיין קיין מתנגד!"

נו, דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זיך באנייען אין רבי'נס זאך, יעדער דיבור פונעם רבי'ן זאל זיין ניי, פריש![לד]

❖

# ובעינן לנחותי לאוקורי נפשין...

(השואל: ס'וואלט נישט געווען בעסער ווען ר' אברהם ר' נחמן'ס וואלט זיך יא באוויזן, אפשר וואלט ער מער געקענט מקרב זיין?!) ניין, ניין! 'מיר דאכט זיך', 'מיר דאכט זיך', אבער ניין!

דער 'אמת' וואס גייט ארוים פון אזא מין סארט לבוש, איז גאר אן אנדער אמת! דער עיקר האט דער אויבערשטער ליב 'אמת'![לה]

---

[לד] עי' עלים לתרופה מכתב י"ז: וּלְמַעַן הַשֵּׁם שֶׁלֹּא יִהְיֶה דְּבָרִים הָאֵלּוּ יְשָׁנִים אֶצְלְךָ חַס וְשָׁלוֹם, מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לְךָ שֶׁאַתָּה יוֹדֵעַ אוֹתָם מִכְּבָר, כִּי בֶּאֱמֶת עֲדַיִן לֹא הִתְחַלְתָּ לֵידַע עַד הֵיכָן עַד הֵיכָן מַגִּיעִים דְּבָרִים אֵלֶּה, וְהָעִקָּר לְקַיְּמָם בִּפְשִׁיטוּת בֶּאֱמֶת וְשֶׁיִּהְיֶה בְּעֵינֶיךָ בְּכָל יוֹם כַּחֲדָשִׁים; וּבִפְרָט שֶׁדְּבָרִים אֵלּוּ הֵם מִתְחַדְּשִׁים לַבְּקָרִים בְּכָל יוֹם מְחֻדָּשׁ בִּבְחִינַת "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ".

[לה] עי' עלים לתרופה מכתב י"ד: ...אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת, אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַּכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה, תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת בְּהַפָּלְטִין שֶׁל אֱמֶת, הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת, עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא...

אונז דאכט זיך אז 'עס וואלט' ווען געווען בעסער, אבער ניין!

'אונז' דאכט זיך אז ס'זאל ווען זיין א 'רבי' (בגוף חי) ביי אונז, וואלט געווען גאר מער שענער! ס'דאכט זיך אזוי, יא? ס'דאכט זיך אזוי? אבער דער אמת איז נישט אזוי! כאטש ס'טוהט זיך וואס ס'טוהט זיך, אבער 'דעם' אמת! 'אונז' דאכט זיך...

ר' אברהם ר' נחמן'ס - א מענטש וואס ער הארעוועט דערויף אז ער זאל זיך נישט אנזעהן, ער זאל זיין א בחינת 'אַיִן', העלפט אים דער אויבערשטער!

נו, אלע יארן געהארעוועט דערויף, ער לייגט אוועק דערויף 'כוחות' מיט 'זאכענישן', העלפט אים דער אויבערשטער אז ער איז זוכה דערצו! דאס איז נישט קיין קלייניקייט, דאס מאכט זיך נישט אזוי גיך!

❖

(השואל: איר האט געהערט אז ער האט זיבן יאר נישט גערעדט? ער האט געהאט 'תשובת הקנה'?) דאס וויים איך נישט!

איך קען עס נישט פארשטיין אז ס'איז ריכטיג, ווייל פונעם רבי'ן איז געווען "אז מען זאל יא רעדן!".

(השואל: מען זאגט דאך אז בימי חורפו האט מען נישט געקענט רעדן מיט אים, ס'איז געווען צייטן וואס ער האט געהארעוועט!) דאס איז עפעס אנדערש, אבער ער זאל גארנישט רעדן? דאס וויים איך נישט!

געוועגליך אז ער איז א גאנצע וואך געווען אין וואלד, ווי האט מען געקענט מיט אים רעדן? ער איז דאך געווען אין וואלד! אבער אז שבת האט ער אויך נישט גערעדט - דאס וויים איך נישט!

(השואל: ס'איז ידוע אז ער האט געוואלט מאכן א פירוש אויף 'פרי מגדים'?) יא יא, ער איז א געוואלדיגער גאון געווען! (השואל: דאס האט איר יא געהערט פון אים אליין?) כמעט אזוי - פון א צווייטן!

(השואל: טאקע די ענוה פונעם 'פרי מגדים' - ער שרייבט אויף זיך אזעלכע לשונות פון ענוה), ער האט געשריבן דעם 'פרי מגדים' אויף די וואנט, ער האט נישט געהאט קיין פאפיר! האט ער געשריבן אויף די וואנט, מען האט נישט געקענט אראפנעמען, איז געבליבן

אזוי 'צריך עיון', קיין סאך האט מען נישט געקענט פארשטיין אזוי, ער איז געווען אן ארעמאן האט ער געשריבן אויף די וואנט, דערפאר איז דער לשון אזוי שווער, א שווערער לשון, בקיצור, ער איז מקצר.

דאס קומט נישט אן אזוי גרינג, אסאך הארעווען און הארעווען און הארעווען אין אידישקייט!

ס'איז פארהאן אמאל אזא מין 'ענוה' וואס ס'איז דער 'תכלית הגדלות' - זאגט דער רבי אין תורה פון י"א,[לו] "ובעינן לנחותי לאוקורי נפשין", אזא ענוה וואס ס'איז גאר 'תכלית הגדלות', ס'איז נישט קיין ענוה!

אמת'ע ענוה - מיט אן 'אמת', נו ס'איז נישט קיין קליינִיקייט, דאס דארף מען טאקע גוט הארעווען אסאך, גוט הארעווען!

❖

# 'אהלך באמתך'

(השואל: ווען ס'איז געווען די מחלוקת וועגן 'תכלת' האט מען באוויזן ר' אברהם'ען א ראיה פון "רבי שמשון אסטראפאליער", און ר' אברהם האט געזאגט אז ער האט בעסערע ראיות?) ניין, מען האט אים געוואלט ווייזן דעם 'ספוני טמוני חול', וואס ס'איז דא פונעם ראדזינער! האט ער געזאגט: "איך האב גרעסערע מקורות", ער האט נישט געוואלט קוקן אין זיינע ספרים אפילו, "איך האב גרעסערע מקורות!".

(אחד הנוכחים: ס'איז געווען א ספר 'פסול תכלת' אנטקעגן דעם ראדזינער, האט עס ר' אברהם אפגעמאכט, ער האט געזאגט עפעס אווארט אויף דעם!) אין פוילן איז אסאך געווען וואס האבן געמאכט אנטקעגן, אבער ער האט קיינמאל נישט געקריגט זיך דערפאר, קיינמאל נישט געוואלט יענעם מנצח זיין! 'נישט' איז 'נישט'!

(השואל: אז ר' אברהם איז אנטלאפן פון ראדזין - כמסופר לעיל שלא רצה שיכבדו אותו - איז מסתמא געווען קפידות אויף אים!?) אדרבה, איז ער געווארן נאך חשוב'ער!

---

[לו] שם אות ז': ...וּבָעֵינַן לְנַחוּתֵי, לְשׁוֹן שִׁפְלוּת, הַיְנוּ לִהְיוֹת שָׁפָל וְעָנָו, אַךְ שֶׁהָיָה לְאַקוּרֵי נַפְשִׁין, לְשׁוֹן: "אוֹקִיר אֱנוֹשׁ מִפָּז", הַיְנוּ שֶׁהָיָה הָעֲנָוָה בִּשְׁבִיל גַּדְלוּת, כְּדֵי לְהִתְכַּבֵּד וּלְהִתְיַקֵּר, כִּי מֵחֲמַת שֶׁיּוֹדְעִין גֹּדֶל בִּזּוּי הַגַּדְלוּת, עַל כֵּן הֵם עֲנָוִים, בִּשְׁבִיל לְהִתְכַּבֵּד וּלְהִתְיַקֵּר עַל־יְדֵי הָעֲנָוָה, וְזֶהוּ בְּחִינַת עֲנִיווּת שֶׁהוּא תַּכְלִית הַגַּדְלוּת...

**ער האט דען געקוקט וואס מען קוקט אן? ער האט מורא געהאט, איז ער אנטלאפן, אזוי ווי איינער אנטלויפט פון א פייער!**

**ער וועט קוקן וואס יענער וועט זאגן?! אז מען קוקט וואס יענער וועט זאגן טויג דאך שוין נישט, איז דאס 'תכלית הגדלות' - 'לאוקורי נפשין'!**

**ער איז 'באמת' אנטלאפן, ווייל ער האט געציטערט דערפאר, וועגן דעם איז ער אנטלאפן!** (גם כאן לא נשמעת ברור ההקלטה)

**דאס איז א געוואלדיגער אמת, און אסאך כוחות, אז מען זאל זיין פול מיט תורה און פול מיט תפילה, און זיין ביי זיך א עניו ושפל! און מיט אן אמת!**

**קיין סאך אזעלכע איז נישט געווען!**

❖

(השואל: ער פלעגט אסאך רעדן וועגן ארויסגיין 'חוץ לישוב'?!)[לז] **נו, אז ער האט גערעדט האט ער געוואוסט מיט וועמען ער רעדט, און ווער ס'איז ראוי צו הערן זיינע רייד!**

**אין חידושים אויך, אז ער האט געוואלט זאגן חידושים, האט ער געזעהן ווער ס'זיצט, צו ער איז ראוי, צו ער דארף הערן, צו ער וועט פארשטיין, אז נישט האט ער נישט גערעדט!**

**כל זמן מען דרייט זיך ארום דא, דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן: "פיר מיך מיט 'דיין אמת', 'אהלך באמתך'!".**[לח]

---

[לז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ב, ועוד.

[לח] עפ"י דיבורו של מוהרנ"ת ז"ל, עי' שיש"ק [הנדמ"ח] ח"ג אות מ"ו. ועי' ליקוטי הלכות הל' יין נסך ד' אות י"ז: ... עַל-כֵּן בֶּאֱמֶת צְרִיכִין לִצְעֹק וְלִזְעֹק הַרְבֵּה לַה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיּוֹלִיכֵהוּ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָאֱמֶת תָּמִיד, אוּלַי אוּלַי יִזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ כָּרָאוּי, וְעַל כָּךְ בֶּאֱמֶת צוֹעֵק דָּוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה, הַרְבֵּה עַל זֶה, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר 'הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ וְכוּ'... כִּי צְרִיכִין לִזְכּוּת גָּדוֹל וִישׁוּעָה וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים וְהִשְׁתַּדְּלוּת וִיגִיעָה גְּדוֹלָה כָּל יְמֵי חַיָּיו, שֶׁיִּזְכֶּה לֵילֵךְ בְּכָל עֵת בְּדֶרֶךְ הַקֹּדֶשׁ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְלֹא יַטֶּה לְיָמִין וְלִשְׂמֹאל, בְּאֹפֶן שֶׁיִּזְכֶּה לְהַגִּיעַ לְמַה שֶּׁצָּרִיךְ אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי לְהַגִּיעַ בְּמִסְפַּר יְמֵי חַיֵּי הֶבְלוֹ, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶת עַצְמוֹ ח"ו בְּאֵיזֶה דָּבָר עַל-יְדֵי צִיּוּר הָאוֹר הַנַּ"ל, עַל-יְדֵי קִלְקוּל הַכֵּלִים ח"ו... [ועי' כעי"ז בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות מ' (ב')].

פיר מיך מיט 'דיין' אמת, נישט מיט 'מיין אמת'; 'מיין אמת' נארט מיך אפ - רעדט מיר איין: 'דאס' דארף איך, 'דאס' דארף איך – "פיר מיך מיט 'דיין אמת'!".

❖

## דער נייער וועג

(השואל: וואס מיינט דער רבי אין תורה י', דער רבי גלייכט צו אז אפילו מען פאסט תעניתים - רצ"ל הבעלי גאוה - איז עס אזוי ווי א 'זאק' מיט 'לעכער', וואס איז דער משל מיט די נמשל?)[לט] **אוודאי, א 'זאק' איז וואס ער איז נישט ריין, און ער האט לעכער, נו אז איך 'פאסט' מאך איך אים ריין, אבער די 'לעכער' בלייבן נאך איבער! די 'לעכער' בלייבן נאך איבער!** (רצ"ל, התאוות הקשורות בגופם, עיי"ש).

(כאן חסר קצת) - **חוץ 'פאסטן' איז דא נאך זאכן! מען זעהט דאך ארויס - איינער קען אָפּפאַסטן א טאג, א תשעה באב, און דערנאך גיבט ער א פאל צו צום עסן - 'תאות אכילה', מעריב דאוונט ער שוין 'גיך'!**

**ער 'פאסט', אבער די 'לעכער' זאלן ווערן גאנץ! אוים 'לעכער'!**

(גם כאן לא נשמע ברור, וכנראה שואלים על המובא בחיי מוהר"ן על החסיד מאמסטרדם שהרג את היצר הרע ע"י ריבוי תעניות, ואמר רביז"ל עליו):[מ] **"א חידוש אויף אים?!"** (עיי"ש).

**אבער ביי אים איז אויך נישט געווען נאר 'פאסטן' אליין, ס'איז געווען נאך זאכן, פאסטן אליין טוהט נאך נישט וואס ער דארף טוהן!**

❖

---

[לט] שם אות ד': ...אֲבָל אֵלּוּ הַבַּעֲלֵי־גַּאֲוָה מְעַכְּבִים תַּאֲוָתוֹ שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מְבַקְּשִׁים מִצַּדִּיקִים שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ עֲלֵיהֶם, כִּי חוֹשְׁבִים שֶׁהִתְעַנּוּ וְסִגְּפוּ אֶת עַצְמָם, וּבָזֶה הֵם צַדִּיקִים, אֲבָל הָאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, כִּי כָּל הַתַּעֲנִיתִים שֶׁהִתְעַנּוּ, אֵין זֶה אֶלָּא כְּמוֹ שַׂק שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חוֹרִים הַרְבֵּה, וּכְשֶׁמְּרִיקִים אֶת הַשַּׂק, אַף־עַל־פִּי־כֵן נִשְׁאֲרוּ בּוֹ הַחוֹרִים. וְהַגּוּף נִקְרָא שַׂק, כְּמַאֲמַר הַתַּנָּא: "שִׁינְנָא, שְׁרֵי שַׂקָּךְ". וְאִם הִתְבּוֹנַנְנוּ בְּעַצְמָן הָיוּ רוֹאִים, אַחַר כָּל הַתַּעֲנִיתִים עֲדַיִן נִשְׁאֲרוּ אֶצְלָם כָּל תַּאֲוֹתָם קְשׁוּרִים בְּשַׂקָּם הַיְנוּ בְּגוּפָם...

[מ] עי' חיי מוהר"ן אות תקנ"ג: פַּעַם אַחַת שֶׁסִּפַּרְתִּי לְפָנָיו מֵעִנְיַן הֶחָסִיד מֵאַמְשְׁטֶרְדַּם שֶׁהָיָה מְפֻרְסָם בִּבְרָאד שֶׁנָּסַע לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ... וְסִפַּרְתִּי לוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִמֶּנּוּ שֶׁאָמַר שֶׁכְּבָר הָרַג אֶת הַיֵּצֶר הָרָע. הֵשִׁיב לִי בִּלְשׁוֹן גְּעָרָה וְאָמַר, וְכִי מַה צְּרִיכִין לְדַבֵּר שֶׁהָרַג אֶת הַיֵּצֶר הָרָע מֵאַחַר שֶׁהִתְעַנָּה כָּל־כָּךְ, כִּי הֶחָסִיד הַנַּ"ל הִתְעַנָּה הַרְבֵּה מְאֹד...

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: "'תעניתים' און 'סיגופים' איז אן אלטער טראַק צום אויבערשטן – 'התבודדות' און 'תפילות' איז א נייער וועג און מען קומט ארויף אויפ'ן אלטן וועג!".[מא]

אז דער רבי האט שוין מודיע געווען די וועג פון 'תפילה', טאר מען שוין נישט פאסטן! מען מעג יא פאסטן 'תשעה באב' און די אלע תעניתים, דאס האט דאך ר' נתן אויך אזוי געזאגט: "אז ס'קומט א תענית זאל מען דאס כאפן ווי א לעקאכל!".[מב]

אין אמת'ן וואלט מען געדארפט פאסטן אסאך תעניתים, נאר וואס דען? דער רבי האט געהייסן נישט פאסטן - מאכן זיך אייגענע תעניתים![מג] אבער אז ס'קומט א תענית וואס דער שלחן ערוך הייסט פאסטן, זאל מען עס כאפן ווי א לעקאכל! א גוטע זאך דארף מען כאפן.

ס'איז א געוואלד, א מענטש דארף זיך נישט אפנארן, אזא 'יום כיפור', א הייליגער טאג, ס'קומט נאכדעם א פאל צו, א פאל צו, ס'איז דאך א געוואלד! און מען איז שוין מזלזל אין דעם מעריב, און מען כאפט און מען לויפט...

פון וואו נעמט זיך אלץ דער זאך? אויסריינינגן דעם 'גוף' - אבער די 'לעבער' בלייבן נאך איבער ביי זיך![מד]

אבער דער וואס וויל מאכן די 'לעבער' זאלן נישט זיין קיין 'לעבער', ביי אים איז גאר עפעס אנדערש, ער האט אן אנדערן סדר!

❖

[מא] הסיפור מאחורי השיחה ראה בקונטרס טעם זקנים מ"ט - פרשת שופטים תשל"ד. עי' הקדמת השתפכות הנפש: **וְאָמַר פַּעַם אַחַת לַאֲנָשָׁיו: תְּנוּ לְבַבְכֶם לִי וְאוֹלִיךְ אֶתְכֶם עַל דֶּרֶךְ חָדָשׁ שֶׁהוּא הַדֶּרֶךְ הַיָּשָׁן שֶׁדָּרְכוּ בוֹ אֲבוֹתֵינוּ מֵעוֹלָם, וְגִלָּה לָנוּ אֲשֶׁר אֵין שׁוּם עֵצָה לְהִנָּצֵל מִגֹּדֶל הִתְגַּבְּרוּת הַיֵּצֶר שֶׁתָּמִיד הוּא שׁוֹקֵק וּמִתְאַוֶּה לְהַכְשִׁיל אֶת הָאָדָם, רַק עַל-יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת...** ועי' גם בשיחות שבסו"ס ליקוטי מוהר"ן סי' צ"ז.

[מב] עי' שיח שרפי קודש [הנדמ"ח] ח"ג אות תי"א.

[מג] עי' שיחות הר"ן אות קפ"ה: **וְהִזְהִיר עַל מְקֹרָבָיו שֶׁלֹּא יִתְעַנּוּ מֵעַצְמָן כְּלָל רַק בַּיָּמִים שֶׁצִּוָּה עֲלֵיהֶם.**

[מד] כנ"ל בליקוטי מוהר"ן תו' י' אות ד'.

(השואל: עפעס רבי נתן האט געזאגט אז ער האט געוואלט גיין אין וואלד?) - **"א קיילעכיגער יאר זיך אוועקלאזן חוץ לישוב, און בעטן דעם אויבערשטן ס'זאל אים ווערן מבורר די ספיקות וואס ער האט אויף תענית"!**[מה]

(השואל: וואס האט ער נאך 'ספיקות'?) **ער האט געהאט ספיקות: אזוי פיל תורות איז דא** (בלקוטי מוהר"ן) **איבער דאס גרויסקייט פון תענית,**[מו] **און 'בעל פה' איז אויף 'נישט'! - האט ער געהאט ספיקות!**

(השואל: איז דאס וואס מען פאסט נישט, ווייל מען בלייבט 'על הספק' הייסט עס? ס'קען זיין אז ס'איז דא א צד אז מען זאל יא דארפן פאסטן?) **אז דו ווערסט זיך אוועקלאזן א גאנץ יאר און בעטן דערויף, ווערסטו דעמאלט שוין וויסן וואס ר' נתן האט געמיינט!...**

**איז אזוי - דין דעם אויבערשטן, דאוון און לערן, טוה מצוות ומעשים טובים, און דו ווערסט פאסטן דעמאלט ווען מען דארף פאסטן! און אויב דו ווילסט טאקע ס'זאל דיר מבורר ווערן, נו, טוה די עצה פון ר' נתן'ען, לאז זיך אוועק אויף א יאר אין פעלד אריין...**

(השואל: א 'יאר צייט'? וואס איז פשט אזוי פיל האט ער געדארפט בעטן דעם אויבערשטן דערויף?!) **ס'דאכט זיך אז א 'יאר' איז אסאך, אז דו ווערסט פארשטיין די זאך ווערסטו זעהן א יאר איז נישט קיין סאך!!**

**אז אידן האבן געהאט התבודדות, 'צוועלף שעה' האבן אידן געהאט ביי אונז התבודדות, אזוי פיל! איז די קשיא: ווי האבן זיי גענומען אזוי פיל דיבורים?** (השואל: מסתמא האבן זיי געשריגן יעדן דיבור עטליכע מאל גע'חזר'ט) **ניין ניין, גערעדט צום אויבערשטן!**

**איז די קשיא, ווי האבן זיי אזוי פיל דיבורים? דער תירוץ איז, ביי אים איז דאס געווען 'ווינציג'!!**

**נאר וואס דען? איך פארשטיי נישט פארוואס - ווייל איך פארשטיי נישט זיי אינגאנצן! אבער אז איך זאל יענעם פארשטיין - איז עס ביי אים 'ווינציג'! ער קען זיך**

---

[מה] עי' ליקוטי תפלות ח"א תפלה ל"ז: וּתְזַכֵּנִי בְּכָל-עֵת לָדַעַת בֶּאֱמֶת הַדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיְנֵי תַעֲנִיּוֹת נְדָבָה, אִם לְהִתְעַנּוֹת אִם לַחְדֹּל, וּתְזַכֵּנִי לֵידַע הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וּלְהִתְנַהֵג בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, כִּי לִבִּי הוֹלֵךְ אָנֶה וָאָנָה בְּעִנְיָן זֶה, עַל כֵּן הִנְנִי מַשְׁלִיךְ עַצְמִי עָלֶיךָ לְבַד... ועוד תפלות שם.

[מו] עי' ליקוטי עצות - ערך תענית.

**נישט אפרייסן פונעם אויבערשטן, ער קען זיך נישט אפרייסן! ער מוז דאך! ער מוז דאך!**

דער רבי זאגט אין די תורה ס"ה קעגן 'תפילה', **"מען קען זיך נישט אפרייסן"!**[מז]

דער תירוץ איז, יעדער דיבור פונעם רבי'ן איז אמת! און מיר דארפן זיך צופאסן צום דיבור, מיט וואס? מיט'ן בעטן דעם אויבערשטן!

אסאך רעדן דיבורים צום אויבערשטן, וועלן מיר זיין נענטער צו יעדן דיבור!

❖

# הקול היוצא מבר דעת...

(השואל: אז ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט רעדן, איז עס געווען פון 'התבודדות' אדער נאך זאכן?) ר' אברהם ר' נחמן'ס, וואס ער האט גערעדט איז געווען געוואלדיג גרויס, וואס ער האט גערעדט!

ר' נחמן שטערנהארץ (נכד מוהרנ"ת ז"ל, עלה מרוסיא לארץ ישראל בשנת תשכ"ז, ונפטר ) דער וואס איז דא געשטארבן (בארץ ישראל) - זיין טאטע האט געהייסן "ר' איציק באבריניצער", ער איז געווען א גרויסער עובד.

ס'איז געווען א ראש השנה וואס ס'איז א גרויסע עולם געווען ביי ר' אברהם ר' נחמן'ס, מען האט זיך געשטופט, און ער האט זיך נישט געקענט שטופן, ער איז געשטאנען פון דערוויטנס, האט ער אזוי געזאגט - ער איז געווען מיין אורח - "איך האב נישט געהערט וואס ר' אברהם ר' נחמן'ס רעדט, נאר איך האב נאר געהערט זיין קול איז שוין געווען ביי מיר - (א זכיה)!".

דער רבי זאגט טאקע אינעם 'אלף בית':[מח] **'הקול היוצא מבר דעת שבקדושה' מסוגל ליראת שמים!**

(השואל: ר' איציק איז געווען פון ר' אברהם'ס מענטשן?) **אה, פייער פייער!**

---

[מז] עיי"ש אות ב': ...וְתֵכֶף כְּשֶׁיּוֹצֵא אוֹת רִאשׁוֹנָה, כְּגוֹן אוֹת בֵּי"ת מִתֵּבַת בָּרוּךְ, אֲזַי מְבַקֵּשׁ וּמִתְחַנֵּן מֵהַנֶּפֶשׁ לְבַל תִּפָּרֵד מִמֶּנּוּ. כִּי אֵיךְ תּוּכַל לְהִתְפָּרֵד מִמֶּנִּי...

[מח] ספר המדות - ערך דעת אות ז', וערך יראה אות ו'.

זיי זענען אלע געווען ר' אברהם'ס מענטשן - די אלע עובדים, אלץ געווען ר' אברהם'ס מענטשן, עובדי השם, חצות, התבודדות, אידן וואס זענען געגאנגען אין וואלד אריין - איז אלץ געווען שייכות צו ר' אברהם'ען!

דא איז אויך אזוי, דא! (בארץ ישראל), די וואס טוען דאס - האבן א שייכות צו ר' אברהם ר' נחמן'ס! דו קוקסט אן זיין טאטן (כנראה שמתכוון לר' שמואל שפירא), ער האט נישט געקענט ר' אברהם ר' נחמן'ס, (און פונדעסוועגן) זיין טאטע איז א הונדערט פראצענטיג'ער חסיד פון ר' אברהם ר' נחמן'ס...

❖

מיר האבן דאך פריער גערעדט אסאך, א שמועס פון 'דרך ארץ' אויך, ביים רבי'ן איז געווען א ענין פון 'דרך ארץ', אויך א יסוד פונעם רבי'נס זאך![מט]

ביי די וועלט, די 'חסידות' איז היפוך פון 'דרך ארץ', דרך ארץ איז נישט קיין חסידות! און ביים רבי'ן איז געווען דער יסוד פון חסידות 'דרך ארץ'!

דארף מען דערויף אויך בעטן דעם אויבערשטן, 'דרך ארץ', 'ישוב הדעת', נישט 'ווילד'!

ווארום די גרויסע עובדי השם, איז א געוואלדיגן 'דרך ארץ' געווען ביי זיי! איך געדענק ר' אברהם ר' נחמן'ס, פאר א קינד האט ער געהאט דרך ארץ! פאר א קינד האט ער געהאט דרך ארץ! נישט טשעפען קיינעם!

❖

(השואל: שבתי ברסלבער פלעגט עסן נאר איינמאל א טאג?) יא, צוויי אזייגער ביטאג געקומען אין שול אריין, ער האט געדאווענט מנחה, גענומען אן אורח, און געגעסן א מיטאג, א גוטן מיטאג האט ער געגעסן!

---

[מט] עי' שיש"ק ח"א אות ק"מ: (ובקונטרס טעם זקנים ו' - פרשת בהעלותך תשמ"ב), מאמר רביז"ל: ווען די וועלט זאל וויסן ווי אזוי איך לערן 'דרך ארץ', וואלטן 'קסרים' געשיקט די קינדער איך זאל זיי לערנען דרך ארץ!

ער האט אויך געמאכט גוט! דער 'פראסטער שבתי' (שהיה איש פשוט) האט אויך געמאכט גוט! ער האט אויך געמאכט גוט! זיינע 'טרערן', ס'איז נישט געווען מיט אזא גרויסע עמקות, מיט אזא גרויסן געפיל, אבער ס'איז טרערן!!

(כאן יש קטע מתפלת מעריב, ונשמע קולו המתוק של ר' יוחנן גלנט ז"ל בברכת 'השכיבנו')

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **לוי נײמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **שמעון הלל פרנס** הי"ו
וחותנו מוה"ר **שמשון ווייס** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו - נכדתו למזל טוב**

מוה"ר **יוסף שלמה פרענקל** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **אלטר** ומוה"ר **ישכר בער וואגשאהל** הי"ו
מאנסי – וויליאמסבורג יצ"ו
לעילוי נשמת אמם מרת **אסתר צירל** בת ר' **צבי אלימלך** הכהן ז"ל
**נלב"ע י"ז שבט תשס"ו תנצב"ה**

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה